## פֿון ציקל "ייִדן"

### א

אײַנגעשפּאַנט
אין פֿאַרזשאַווערט סקריפּעדיקן וואָגן
פֿון די אומות,
פֿירן מיר פֿון שטאָט צו שטאָט
פֿעסלעך בלוט.
ווו מיר קומען אָן, ווערט די זריעה פֿעט;
ביים ייִנגסטן הילך פֿון אונדזער אַלטן טריט
לאַכן פֿרילינגדיק די קינדער פֿון דעם לאַנד
נאָר מיר
ווערן בלאַס.

אײַנגעשפּאַנט
אין צעפֿוילט דורכגעווייקטן וואָגן
פֿון די אומות,
ווערן אַלע שטעגן אונטער אונדז
זיס און קלעפּיק.
נאָר אונדז קריכט אָפּ די הויט פֿון לייב,
מיר זענען נישט בכּוח
זיך אײַנבייגן, אַ לעק טאָן
אונדזער בלוט און ווערן ווילד...

אײַנגעשפּאַנט
אין ברייטן, שווערן, נאַסן וואָגן
פֿון די אומות,
פֿאַרבן מיר אָפּ דעם אָפֿענעם בוזעם
פֿון דעם זומערדיקן טאָג
אויף רויט,
און אַז מיר באַגעגענען
אַ ווײַסן שטיין בײַ אַ שאָסיי,
צעוויינען מיר זיך ביז מיר ווערן מיד.
מיד.

גראָ־בלײַערן
האַלב טויט
שפּרײַזן מיר און שלאָפֿן
צופֿרידענע,
וואָס אונטער אונדז איז ווייך די ערד

ווי אַ קישן.
און קיינער שפּירט נישט, אַז דער זויל
איז אָנגעקלעפּט מיט שטיקלעך פֿלייש
פֿון פּוכיקע קינדער.

**ב**

גוייִם,
פֿון אייַערע גרויע אויגן
בליצט אַרויס אַ מעסער
אויסגעדרייט מיטן שפּיץ
גלייַך צו אונדזער זייַט.

אייַך שרעקט די שטילקייט
פֿון אונדזער שלאָף.
ווי שימשונס כּוח איז געלעגן
אינעם טונקל פֿון זייַנע טיפֿע האָר,
אַזוי איז אונדזער לעבן וואָר
דורכן חלום.

ווילדער פּחד מאַטערט אייַך
פֿאַר דעם אַנטשוויגענעם פֿאַרלאַנג,
וואָס דרייַצן מיליאָנען ריכטער
האָדעווען ביַי זיך אין שויס.

און אַז דאָס גרויע פֿענצטערל
פֿון אייַער אויג מאַכט זיך אויף —
הענגט דאָרט גרייט אַ מעסער
אויסגעדרייט מיטן שפּיץ
גלייַך צו אונדזער זייַט.

---

*די צוויי שטאַרקע לידער פֿון דעם קדוש ישׂראל שטערן ז״ל זענען קענטיק פֿון אַ גרעסערן ציקל. די לידער מאַכן דעם אייַנדרוק ווי דער פּאָעט וואָלט זיי געשריבן ערבֿ די חורבן־יאָרן, אָדער אין סאַמע געטאָ. אָבער ס׳איז ניט אַזוי: דאָס ערשטע ליד איז געדרוקט געווען אין צענטראַל־אָרגאַן פֿון צעירי ציון אין וואַרשע בעפֿרייַאונג, דעם 5טן מייַ 1921, און דאָס צווייטע — אין זעלבן זשורנאַל דעם 3טן יוני 1921. (רעד.,,די גאָלדענע קייט״ 1966,נ.